# כבוד דעם אָנדענק פון די פּיאָנערן און טוער פון דער „קדימה"

איז משך פון דער לאנגיאָריקער עקזיסטענץ פון דער „קדימה" זענען געווען פיל טוער, וועלכע האבן געווידמעט זייערע כוחות און אפּגעגעבן צייט און ענערגיע אויף צו שטאַרקן און אַנטוויקלען די אינסטיטוציע. פיל פון די דאָזיקע טוער זענען שוין נישטאָ. זיי זענען אַוועק אין דער אייביקייט, אָבער זייער אָנדענק איז געבליבן טייער ביי די, וועמען די „קדימה" און דאָס יידישע קולטור־לעבן בכלל איז נאָענט, ווייל אַן זייער אומדערמידלעכער אַרבעט און איבערגעגעבנקייט וואָלט אונדזער היגע גייסטיקע לעבן אויסגעזען פיל, פיל אָרעמער.

צו די דאָזיקע פאַרשטאָרבענע טוער געהערן: **יהושע ראָכלין** — איינער פון די גרינדער פון דער „קדימה" און איר ערשטער פּרעזידענט: **אברהם סטאָן** — ערשטער וויצע־פּרעזידענט פון „קדימה": **נ. מאָשין** — איינער פון די „קדימה"־גרינדער: **ז. פּרעס** — איינער פון די גרינדער פון „קדימה" און אַ מיטגליד פון קאָמיטעט זינט 1912: **מ. און ה. טעפּט** — גרינדער פון „קדימה" און קאָמיטעט־מיטגלידער זינט איר אַנטשטייאונג: **אהרן ניסן בר-כהן** — איבערגעגעבענער טוער פון „קדימה" זינט איר אַנטשטייאונג, און אָפטער לעקטאָר אין „קדימה" ביז זיין טויט אין 1934. אַ לערער פון באַרוף, האָט ער פיל אויפגעטאָן אויפן געביט פון פאַרשפּרייטן דאָס יידישע און העברעאישע וואָרט אין מעלבורן: **א. ניומאַרק** — אַ מאָלער און סקולפּטאָר, איבערגעגעבענער „קדימה"־טוער זינט איר אַנטשטייאונג: **משה גראָסבי** — אַ נדבן, וועמען איז אַ גרויסער מאָס האָט מען צו פאַרדאַנקען די איצטיקע „קדימה"־געביידע: **פּנחס גאָלדהאַר** — ערשטער יידישער שרייבער אין אויסטראַליע, פּיאָנער פון יידישן געשריבענעם וואָרט אין אונדזער ישוב, אָפטער לעקטאָר אין „קדימה" און מיטגליד פון „קדימה"־קאָמיטעט אין משך פון אַ ריי יאָרן: **יאַנקל גינטער** — פּיאָנער פון יידישן טעאַטער אין מעלבורן, מיטגליד פון „קדימה"־קאָמיטעט אין משך פון אַ ריי יאָרן: **שלמה ווערטהיים** — איבערגעגעבענער געזעלשאַפטלעכער און ציוניסטישער עסקן, פּרעזידענט פון „התחיה" און „קדימה" אין 1923: **אַרטור ראָזן** — געזעלשאַפטלעכער עסקן, לאַנגיאָריקער אַקטיווער טוער פון „קדימה"־קאָמיטעט: **מאיר זעלטנער** — פּרעזידענט פון „קדימה" אין די יאָרן 1912 — 1916: **ד"ר אהרן פּאַטקין** — אַ באַקאַנטע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט געהאַט גרויסע פאַרדינסטן ביים אַנטוויקלען דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין פון היגן ישוב, פּרעזידענט פון „קדימה" אין די יאָרן 1927 און 1929: **משה יעדוואַבינסקי** — איבערגעגעבענער





„קדימה"־טוער, לאַנגיאָריקער קאָמיטעט־מיטגליד: **נחמן סוכאָוואָלסקי** — קולטור־טוער, מיטגליד פון „קדימה"־קאָמיטעט און ערן־סעקרעטאָר אין משך פון איניקע יאָר: **מ. האָניג** — לעקטאָר אין „קדימה", אַ געוויסע צייט איר ערן־סעקרעטאָר: **בער י. ראָזען** — שרייבער, לעקטאָר און קולטור־טוער, מיטגליד פון „קדימה"־קאָמיטעט אין משך פון אַ ריי יאָרן: **אברהם פּערל** — קולטור־טוער און לעקטאָר, לאַנגיאָריקער „קדימה"־טוער, מיטגליד פון קאָמיטעט, פּרעזידענט פון „קדימה" אין יאָר 1947: **הערש הויזדאָרף-הויזי** — אַקטיווער טוער פון „קדימה", לאַנגיאָריקער מיטגליד פון קאָמיטעט זינט דער אַנטשטייאונג פון דער „קדימה": **ד"ר מ. שאָליט** — איינער פון די „קדימה"־גרינדער, קולטור־טוער און לעקטאָר פון די ערשטע יאָרן פון דער „קדימה"־עקזיסטענץ: **בונם וואַרשאַווסקי** — שרייבער, לעקטאָר און קולטור־טוער, איבערגעגעבענער טוער פון „קדימה" און איר לאַנגיאָריקער סעקרעטאָר: **ישראל שער** — איינער פון די טעטיקסטע און איבערגעגעבנסטע עסקנים און בויער פון דער „קדימה", איר פּרעזידענט אין די יאָרן 1934 און 1936: **נתן און שרה גינטער** — יידישע אַרטיסטן, וועלכע האָבן פיל געהאָלפן צו אַנטוויקלען דאָס היגע יידישע טעאַטער. נתן גינטער האָט געלאָזן דער „קדימה" אַ גרעסערע סומע געלט אין זיין צוואה: **יצחק זעמעל** — קולטור־טוער און אַן איבערגעגעבענער „קדימה"־טוער, מיטגליד פון קאָמיטעט אין משך פון אַ ריי יאָרן: **לייב זשאַבינסקי** — לערער און לעקטאָר, איבערגעגעבענער „קדימה"־טוער, באַזונדערס אין די 20־קער יאָרן: **אלעק מאָשין** — קולטור־טוער און איבערגעגעבענער טוער פון „קדימה" אין משך פון גאָר לאַנגע יאָרן, איר פּרעזידענט אין די יאָרן 1941 און 1942: **מאָניע זאַכאַרין** — אַ לאַנגיאָריקע ערן־סעקרעטאַרין פון דער „קדימה", אַן איבערגעגעבענע טוערין פון דער אינסטיטוציע אין די 20־קער און 30־קער יאָרן: **ראובן ראָטבערג** — איינער פון די גרינדער פון דער „קדימה", אַן איבערגעגעבענער טוער פון דער אינסטיטוציע אין משך פון לאַנגע יאָרן און איר פּרעזידענט אין 1938 און 1948. **טשאַרל דיקי, אהרן ניירענס, פּנחס לאָסיקאָ** — ערן־קאַסירער פון „קדימה" אין משך פון אַ ריי יאָרן.

די אויבן־אויסגערעכנטע טוער און פיל אַנדערע האָבן אויף פאַרשידענע אופנים מיטגעווירקט און געהאָלפן צו דער אַנטוויקלונג פון דער „קדימה". זיי האָבן דערמעגלעכט איר עקזיסטענץ אין משך פון העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט. אַן זיי וואָלט די אינסטיטוציע, מיט וועלכער יידיש מעלבורן איז שטאָלץ, אינגאַנצן נישט עקזיסטירט אָדער נישט געקאָנט דערגרייכן דאָס, וואָס זי האָט דערגרייכט.

כבוד זייער אָנדענק!

**ל. פּ.**